בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח

תשפ"ה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע״י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין נְשָׁמָה זָאל נִישְׁט אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן גֵיין?..................א

פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזַא פַארְשְׁלֶעפְּטֶע קְרֶענְק?.........................................ג

מֶעג מֶען גֵיין אִין שׁוֹיעֶר נָאךְ דִי מִקְוֶה?.........................................ה

וִוי אַזוֹי פַארְדֶרְעכְט מֶען דִי כַּעַס אוּן פַארְשֶׁעמֶען? ..........................ו

מֶעג מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אָדֶער לֶערְנֶען חוּמָשׁ בַּיינַאכְט? ...................ח

מֶעג מֶען גֵיין צוּ אַ בֵּית הַחַיִּים בַּיינַאכְט?........................................ט

וָואס קֶען אִיךְ טוּן לְטוֹבַת מַיין זֵיידֶע'ס נְשָׁמָה?......................................יא

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דַיי נִישְׁט אַזוֹי בַּאבְּלָאזְן ..........................................................א

אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט פוּן לֵיידִיג גֵיין ............................................ב

אַ גָאר שְׁוֶוערֶע אָבֶער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן..........................ד

אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סְעוּדָה פַאר דִי פְּרוֹיעֶן אִין אָפִּיס ...............................ו

נֶעם בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה צוּ הֶעלְפְן בוֹיעֶן אוּן פַארְדֶעכְטְן ......................ז

אָן דִי בְּרוֹינְפְן, וַויין, אוּן צִיגַארֶעטְלֶעךְ, אִיז נִישְׁט דָא קַיין חוֹבוֹת.........ח

בְּלַייבְּן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אִין אַ טַעֲנָה'דֵיי ........................................ח

שֶׁעפְּן חַיּוּת פוּן דֶעם וָואס 'אִיךְ בִּין מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן' ........................ט

אַ וֶועג פַאר דִי טִיטְשֶׁעְרְס צוּ קוּמֶען אִין סְקוּל ...................................י

וָואס אִיז שֶׁעֶנֶער פוּן גֵיין מִיט אַ טִיכְל?........................................יא

קוּקְן קְלִיפְּס זֶעטִיגְט נִישְׁט........................................יא

צְוֵויי מִינוּט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................................יב

דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר פַּרְנָסָה אִיז אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלֹקֶת ........................................יג

לִיבּ הָאבְּן דֶעם מַאן, טְרָאץ זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת........................................יד

לֶעגִינְגֶס אִיז פְּרִיצוּת ........................................טז

זָאג מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא מִיט עַקְשָׁנוּת........................................יז

תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דַארְפְן אַלֶע עוֹסֵק זַיין אִין הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה ........................................ יט

עֶס אִיז נָארְמַאל אַז מֶען פַארְבֶּענְקְט זִיךְ צוּ אַ טַאטֶע........................................כא

פִיר גוּטֶע דָאקְטוֹרִים הָאבְּן גֶעֲרַאטֶעוֶועט זַיין לֶעבְּן ........................................כב

בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר ........................................כג

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי שֵׁיינֶע מִנְהָגִים פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן........................................כד

שַׁבָּת שִׁירָה אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה אוּן פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת........................................כה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וְוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ אַז מַיין נְשָׁמָה זָאל נִישְׁט אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן גֵיין?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן פַאר דִי "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה" וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט מִיר, עֶס אִיז מִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן חִיזּוּק אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם. אִין דִי לֶעצְטֶערֶע וָואכְן בִּין אִיךְ זֵייעֶר גֶעפַאלְן אִין דֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מְאוּוי סֶערְיֶע אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעקוּקְט, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז עֶס נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אָבֶּער אִינְצְווִישְׁן אִיז גֶעוֶוען אֵיין קְלֵיינֶע מְאוּוי פוּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט מִיט גָאר עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעקוּקְט אַסַאךְ מָאל, אוּן דָאס הָאט מִיר אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן דֶעם מֹחַ, פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין מֹחַ, אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט טְרַאכְטְן, מַיין מֹחַ אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט. דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ ווִידֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אַסַאךְ מָאל, אוּן אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער גֶעקוּקְט.

אִיךְ בֶּעט בְּרַחֲמִים אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיךְ רַאטֶעוֶוען, אִיךְ בִּין זִיךְ שׁוֹין אִינְגַאנְצְן מְיַאֵשׁ פוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט; הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מַיין נְשָׁמָה אַז עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין לְאִבּוּד.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אוֹי וֵויי, אוֹי גֶעוַואלְד, קוּקְן מָאוִויס פוּן עֲבֵירוֹת - אִיז דִי טְרֶעפּ צוּם גֵיהִנּוֹם, אַז מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת פַּארְלִירְט מֶען אַלֶעס, מֶען פַּארְלִירְט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען פַּארְלִירְט דִי אֱמוּנָה, מֶען וֶוערְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ, מֶען וֶוערְט מְשׁוּגָע; דָאס אִיז דִי קְלָלָה פוּן דִי תּוֹכֵחָה וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", דוּ וֶועסְט מְשׁוּגָע וֶוערְן פוּן וָואס דוּ וֶועסְט זֶען מִיט דַיינֶע אוֹיגְן; רוֹב מְשׁוּגָעִים וֶוערְן מְשׁוּגָע פוּן תַּאֲווֹת נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וֵויי פַאר דִיר, וֵויי פַאר דַיין נְשָׁמָה, דוּרְךְ קוּקְן עֲבֵירוֹת קוּמְט מֶען צוּ דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען וֶוערְט דֶעפְּרֶעסְט, מֶען פַּארְלִירְט אַלֶעס, בִּיז מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶערְשְׁטְן, עֶס דְרֵייט זִיךְ אִין מֹחַ מַחֲשָׁבוֹת פוּן כְּפִירָה, בִּיז מֶען טְרַאכְט מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן; אַלֶעס קוּמְט פוּן זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, פוּן קוּקְן מָאוִויס אוּן קְלִיפְּס פוּן עֲבֵירוֹת.

אַז דוּ וִוילְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אוֹיף דַיין עָתִיד - זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע כֵּלִים וָואס מֶען קֶען אוֹיף דֶעם קוּקְן עֲבֵירוֹת, אוּן מֶער נִישְׁט גֵיין אִין פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען קֶען אָנְקוּמֶען צוּ קוּקְן מָאוִויס. דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן וִויכְטִיגְסְטֶע תִּיקוּן, הִיטְן דִי אוֹיגְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען נָאר אַרָאפּ וַוארְפְן דוּרְךְ דִי אוֹיגְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא. יֶעצְט וֶוען דַיין קָאפּ אִיז אִין תְּפִיסָה, דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז פַארְכַאפְּט בַּיי דִי קְלִיפּוֹת - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים

כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי װֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", און בַּיים סוֹף װֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דִי מַחֲשָׁבוֹת, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "מְשַׂנֶּה", מִשְׁנָיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טוּמְאָה, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן: הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי - אִיז מִשְׁנָה, אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואו עֶר אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא. הוֹיבּ אָן שַׁ"ס, לֶערְן גְמָרָא כְּסִדְרָן, זָאג אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, און װֵוין זִיךְ אוֹיס אוֹיף דִי גְמָרָא צוּ דִי תְּנָאִים און דִי אֲמוֹרָאִים זֵיי זָאלְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְפַאלְן װֶוערְן, דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַלֶעס פַארֶערְכְטְן.

אַז דוּ װֶועסְט יֶעצְט אָװֶועק וַוארְפְן אַלֶע כֵּלִים וְכוּ' וְכוּ' און נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - װֶועסְטוּ אַלֶעס פַארֶערְכְטְן, און אַז דוּ װֶועסְט וַוייטֶער קוּקְן מָאוּיס פוּן עֲבֵירוֹת - װֶועסְטוּ מְשׁוּגָע װֶוערְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאכְדֶעם קוּמְט דְרָאגְס רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיז מֶען פַארְלִירְט בֵּיידֶע װֶועלְטְן.

...

## פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזַא פַארְשְׁלֶעפְּטֶע קְרֶענְק?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, אִיךְ בִּין אַזַא פַארְשְׁלֶעפְּטֶע קְרֶענְק, אִיךְ קֶען זִיךְ צוּ גָארְנִישְׁט מְסַדֵּר זַיין. אִיךְ לַייד פוּן דֶעם בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת. אִין מֹחַ וויל אִיךְ טוּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, אִיךְ מַאךְ אַזוֹיפִיל גוּטֶע פְּלֶענֶער און קַבָּלוֹת, און עֶס לָאזְט זִיךְ יֶעדֶע מָאל אוֹיס מִיט גָארְנִישְׁט, אַזוֹיפִיל צַייט גֵייט מִיר אָװֶועק מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

אִיךְ וויל אַזוֹי שְׁטַארְק גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְכְרֶעדְן מַיין גַאנְצֶע טָאג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און גֶעװֶוענְלִיךְ בְּלַייבּ אִיךְ מִיטְן אַרוֹיסְכַאפְּן אַ וָוארְט דָא און אַ וָוארְט דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, לֶערְנֶען און דַאוֶועְנֶען און הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים, און לְמַעֲשֶׂה כַאפּ אִיךְ אַרוֹיס אַ גוּטֶע זַאךְ דָא, אַ גוּטֶע זַאךְ דָארְט, און בַּיי דֶעם בְּלַייבְּט עֶס.

אִיךְ קוּם צוּ אַלֶעס אָן שְׁפֶּעט, און עֶס שְׁטֶערְט פַאר מַיין ווַייב אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶער אִיךְ לַייד פוּן דֶעם אַסַאךְ מֶער, מִיךְ שְׁטֶערְט עֶס אַסַאךְ מֶער אַז אִיךְ קוּם צוּ גָארְנִישְׁט אָן.

אִיךְ פִיל זִיךְ ווִי אַזַא לֵיידִיגֶער מֶענְטְשׁ, אַ בַּטְלָן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַרַיינְשְׁטֶעלְן אִין אַ סֵדֶר? דַאוֶועְנֶען מִיט אַ זְמַן, לֶערְנֶען מִיט אַ זְמַן, זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְּרִי מִיט אַ זְמַן; אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר עֵצָה'ן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

צֶעבְּרֶעךְ זִיךְ נִישְׁט, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז מֶען אִיז פַארְשְׁלֶעפְּט, מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט אִין צַייט. זַיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן, זַיי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס דָא אַפָּאר ווֶערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דָארְט אַפָּאר ווֶערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין הִימְל אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב.

אַז דוּ ווִילְסְט זַיין מְסוּדָר און נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָן - זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ טוּן. מַיין נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַ קְלֵיינִיקֵייט, בְּרוּדֶער, אִין דֶעם לִיגְט אַלֶעס; שִׂמְחָה אִיז דִי סוֹד פוּן הַצְלָחָה, זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), אַז מֶען מוּז זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כִּי רוֹב בְּנֵי אָדָם שֶׁרְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", מֶערְסְטְנְס פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען ווַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "עִקַּר רִחוּקָם הוּא מֵחֲמַת מָרָה שְׁחוֹרָה וְעַצְבוּת", אִיז דָאס צוּלִיבּ דֶערְבִּיטֶערְנִישׁ און דִיפְּרֶעסְיֶע.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר לִיבֶּער בְּרוּדֶער זָאלְסְט אַלֶעס טוּן אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל מִיט עַצְבוּת קֶען מֶען גָארְנִישְׁט פוּעֶלְ'ן, מֶען וֶוערְט נָאר מֶער אוּן מֶער פַארְדְרֵייט. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן אוֹיב עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה וְכוּ' אָדֶער בַּיי דִי טוּמְאָה וְכוּ', אוֹיב מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז מֶען בַּיי דִי קְדוּשָׁה, וַוייל עַצְבוּת אִיז טוּמְאָה אוּן שִׂמְחָה אִיז קְדוּשָׁה, מֶען קוּמְט אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען גֵיין אִין שׁוּיעֶר נָאךְ דִי מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִילוּ פִּינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם אֵין אֲנַחְנוּ מַסְפִּיקִים לְהוֹדוֹת, אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וָואס אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אַן עִנְיָן נִישְׁט צוּ גֵיין אִין שׁוּיעֶר נָאךְ דִי מִקְוֶה, אִיז דָאס רִיכְטִיג?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכג): "מִקְוֶה אֵינָהּ מַזֶּקֶת כְּלָל", מִקְוֶה שָׁאדְט נִישְׁט פַארְן מֶענְטְשׁ, "וְהַדָאקְטֶער שֶׁיֹּאמַר לוֹ שֶׁמִּקְוָה מַזֶּקֶת", אוּן אַז אַ דָאקְטֶער זָאגְט אַז מִקְוֶה שָׁאדְט - "אֵינוֹ דָאקְטֶער כְּלָל", אִיז דֶער דָאקְטֶער נִישְׁט קַיין דָאקְטֶער, אַדְרַבָּה, מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט אוּן וִויכְטִיג פַארְן גֶעזוּנְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט פוּל מִיט קְלֵיינֶע

לֶעכֶערלֶעך אִין זַיין גוּף וָואס פוּן דָארְט קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁוֵייס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי לֶעכֶערְלֶעךְ דַארְפְן זַיין אָפְן, אוּן דוּרְךְ מִקְוֶה וֶוערְט דָאס גֶעעֶפְנְט, אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעזוּנְט.

ווארל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה", דוּרְךְ מִקְוֶה וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע צָרוֹת אוּן עֶס קוּמְט דִי יְשׁוּעָה, אוּן אַזַא אֵיינֶער וָואס זַיין הוֹיט אִיז אִים סֶענְסֶעטִיוְו, עֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי קְלָארִין וָואס מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין מִקְוֶה, אָדֶער צוּלִיבּ אַנְדֶערֶע סִיבּוֹת - קֶען עֶר נֶעמֶען אַ שׁוֹיעֶר נָאכְן מִקְוֶה, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה צוּ מִקְוֶה, אַז מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה - הָאט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט - וֶועט מֶען הָאבְן אַ תִּקְוָה, מֶען וֶועט אַלֶעס פַארֶערִכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי פַארֶערִכְט מֶען דִי כַּעַס אוּן פַארְשֶׁעמֶען?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דְרֵייוְו אַ בָּאס פַאר אַ מוֹסָד, אוּן עֶס אִיז דָא אֵיין מַאמֶע וָואס וַוארְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג אוֹיפְן בָּאס, אִיךְ דַארְף דָארְט פַּייפְן יֶעדְן טָאג בִּיז זִי קוּמְט אַרוֹיס, אוּן לֶעצְטְנְס הָאט מַיין גֶעדוּלְד גֶעפְּלַאצְט אוּן אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג גֶעהַאט, אִיךְ שְׁטֶעל מִיךְ אָפּ אוּן אִיךְ גֶעבּ אַ פַּייף אוּן אִיךְ פָאר וַוייטֶער.

דִי לֶעצְטֶע פָּאר טֶעג אִיז זִי אַפָּאר מָאל נָאכְגֶעלָאפְן דִי בָּאס אוּן מִיךְ אָנְגֶעשְׁרִיגְן פַארְוָואס אִיךְ וַוארְט נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבֶּער אַיינְגֶעהַאלְטְן אוּן גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין פָארְנְט פוּן דִי הוֹיז אוּן גֶעפִּיפְן, אוּן הָאבּ גֶעוַוארְט אוּן גֶעצֵיילְט בִּיז צֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְפָארְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז זִי נָאכְגֶעלָאפְן דִי בָּאס אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט ווִי מַיין בְּלוּט גֵייט מִיר אַרוֹיף אִין קָאפּ, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיךְ פָארְהַאלְטְן

פַארְוָואס אִיךְ וַוארְט נִישְׁט פַאר אִיר, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת אוֹיף אִיר אַז זַייט אִיךְ בִּין אַ בְּאס דְרֵייעֶוער הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אַ מַאמֶע, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מַמָּשׁ פוּן מִיר אַלֵיין, אִיךְ גֶעדֶענְק מִיךְ נִישְׁט זַיין אַמָאל אַזוֹי אִין כַּעַס וִוי אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען זִיךְ אַלֵיין, מַיין גַאנְצֶער גוּף הָאט זִיךְ גֶעוָוארְפְן פוּן אוֹיפְבְּרוֹיז.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז יֶעצְט צֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי. אֵיינְס, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין עֶס אִיז גֶעשֶׁען, אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג בַּיים רֶבִּי'ן אוּן עֶס קוּקְט מִיר אוֹיס וִוי אִיךְ גֵיי נָאר צוּרִיקְצְוֶועגְס. צְוֵייטְנְס, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְתַקֵּן זַיין דִי עֲבֵירָה פוּן כַּעַס? אוּן דְרִיטְנְס, עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט נָאךְ אַ מַאמֶע וָואס הָאט גֶעהֶערְט וִוי אִיךְ שְׁרֵיי, ווִיל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ דַארְף אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן ווַייל אֶפְשָׁר אִיז זִי גֶעוָוארְן פַארְשֶׁעמְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן אִין פָּארְנְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, אוּן אוֹיבּ יָא, וִוי אַזוֹי?

בֶּאֱמֶת שֶׁעם אִיךְ זִיךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ פְרֶעגְן דִי שְׁאֵלָה, אִיךְ טְרַאכְט אָבֶּער אַז אֶפְשָׁר וֶועט דָאס זַיין אַ תִּיקוּן פַאר מִיר, אַז אִיךְ פַארְשֶׁעם זִיךְ מִיטְן עֶס דֶערְצֵיילְן אוּן פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי צוּ פַארְרֶעכְטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ- יוֹם ה' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז בִּכְלָל דִי פְרַאגֶע? אַוַדַאי דַארְפְסְטוּ אִיבֶּער בֶּעטְן, אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן - מוּז מֶען אִיבֶּער בֶּעטְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס. אִיךְ פַארְלִיר זִיךְ וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט מַיין וֶועג, אִיךְ פַארְלִיר מַיין שֵׂכֶל, אִיךְ שְׁרֵיי אוּן פַארְשֶׁעם וֶוער עֶס מַאכְט מִיךְ נֶערְוֶועז. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס גֵייט פָאר מִיט מִיר? פַארְוָואס וֶוער אִיךְ אַזוֹי נֶערְוֶועז? רַאטֶעוֶוע מִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אִיךְ זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט נֶעבְּן מִיר, דוּ זֶעסְט

אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם נֶערְוֶועז וֶוערְן, הֶעלְף מִיר טַאטֶע אִיךְ זָאל קֶענֶען פַארְגֶעסְן, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקֶן אוֹיף דִי מִדָּה מְגֻנָּה פוּן כַּעַס״.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אָדֶער לֶערְנֶען חוּמָשׁ בַּיינַאכְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אָדֶער לֶערְנֶען חוּמָשׁ בַּיינַאכְט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

חוּמָשׁ אַלֵיין - אָן רַשִׁ״י - לֶערְנְט מֶען נִישְׁט בַּיינַאכְט, דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען בַּיינַאכְט (שַׁעַר הַמִּצְוֹת, פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן), אָבֶער מִיט רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ קֶען מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוֹיךְ בַּיינַאכְט.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז - מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין גְלַייךְ נָאךְ שַׁחֲרִית, אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ. מֶענְטְשְׁן זוּכְן סְגוּלוֹת וָואס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטוּיגְן אוּן גֶעפְלוֹיגְן, בְּשַׁעַת עֶס אִיז דָא דִי גְרֶעסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע סְגוּלָּה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): ״אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו״; אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָּב צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה צְוֵויי מָאל חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל תַּרְגּוּם, אוּן

װער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה - אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה צוּ אַ גוּט לֶעבְּן, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְש פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט נַארְן, מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט רִיאַלִיטֶעט, אַז מֶען וַוארְט אוֹיף סוֹף וָואךְ - פַארְפַּאסְט מֶען דִי מִצְוָה, אוּן אַזוֹי גֵייעָן אַרִיבֶּער דִי וָואכְן אוּן דִי יָארְן אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי הֲלָכָה ווִי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ'נְט (שָׁם, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן דִי מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען גֵיין צוּ אַ בֵּית הַחַיִּים בַּיינַאכְט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין צוּ אַ בֵּית הַחַיִּים בַּיינַאכְט? וֶוען מֶען וִויל גֵיין צוּ אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק, אָבֶּער עֶס אִיז אִין אַ בֵּית הַחַיִּים וואוּ עֶס לִיגְן אוֹיךְ קְבָרִים פוּן אִידְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלַן? ווַייל אֶפְשָׁר קֶען זַיין אַז עֶס דְרֵייעָן זִיךְ דָארְט שֵׁדִים אוּן רוּחוֹת.

אִיךְ וִויל גֵיין נָאר צוּם צִיּוּן פוּן דֶעם צַדִּיק צוּ זָאגְן דָארְט תִּיקוּן חֲצוֹת, מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה.

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם רֹאשׁ

הַשָּׁנָה, טְרָאץ אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע מְנִיעוֹת. אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים צִיוּן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ און דָארְט אוֹיסְגֶעזָאגְט גַאנְץ תְּהִלִּים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָארְט דָאס הַארְץ און מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר יְשׁוּעוֹת.

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת שְׁלַח, דַף קנח:), כָּלֵב הָאט גֶעזֶען אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ בְּרָכָה נָאר פַאר יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן אַז עֶר זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי עֵצָה פוּן דִי מְרַגְּלִים און אִים הָאט מֶען נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי בְּרָכָה, "אִשְׁתְּמִיט מִנַּיְיהוּ", הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גֶעכַאפְּט פוּן דִי מְרַגְּלִים, "וְאָתֵי לְגַבֵּי קִבְרַיָּיא דַּאֲבָהָן", און גֶעגַאנְגֶען קַיין חֶבְרוֹן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, "וְצַלֵּי תַּמָּן צְלוֹתֵיהּ", עֶר הָאט דָארְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל נִישְׁט פַארְכַאפְּט וֶוערְן מִיט דִי עֲצַת מְרַגְּלִים צוּ קְרִיגְן אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער זוֹהַר פְרֶעגְט 'וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז כָּלֵב אִיז גֶעגַאנְגֶען קַיין חֶבְרוֹן מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי דִי מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אֵיינֶער אַלֵיין, עֶס זֶענֶען דָאךְ דָארְטְן גֶעוֶוען דִי רִיזְן מֶענְטְשְׁן, וִוי אַזוֹי הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן זֵיי?!' זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שָׁם): "אֲבָל מַאן דְאִיהוּ בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתָּכַל מִדִי", וֶוער עֶס אִיז אִין אַ צָרָה - קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, "כַּךְ כָּלֵב, בְּגִין דְּהֲוָה בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתָּכַל מִדִי, וְאָתָא לְצַלָּאָה עַל קִבְרֵי אֲבָהָן, לְאִשְׁתְּזָבָא מְעֵיטָא דָא", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶען אַז עֶר אִיז אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה - אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם אַז דָארְט זֶענֶען דָא דִי בְּנֵי עֲנָק; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים.

מֶען גֵייט נִישְׁט צוּ קַיין בֵּית עָלְמִין בַּיינַאכְט, אָבֶּער אַז מֶען ווִיל נָאר

אַרִיבֶּערְגֵיין דִי קְבָרִים אוֹיף אָנְצוּקוּמֶען צוּם קֶבֶר פוּנֶעם צַדִּיק - אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס קֶען אִיךְ טוּן לְטוֹבַת מַיין זֵיידֶע׳ס נְשָׁמָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זֵיידֶע אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן, בָּרוּךְ דַיָּין הָאֱמֶת. וָואס קֶען אִיךְ טוּן לְטוֹבַת זַיין נְשָׁמָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן פַאר דַיין זֵיידֶע - זָאלְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן, אִיז רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן רֶבִּי מִיכְל׳עֶ זְלָאטְשְׁוֶבֶער אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?״ הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִין דַאוֶוענֶען וְכוּ׳״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: ״פַאר דֶעם אַלֵיין וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִּיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִין דַאוֶוענֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי״, הָאט דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט: ״עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג״, הָאט אִים רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט

זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִיקִים לֶערְנֶען פְּלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַּאר דֶעם אַלֵיין רַעשְׁ'ט זִיךְ נָאכְנִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶועֶן, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מְדְרָאבִּיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט פַּארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶר אִיז אַזוֹי חָשׁוּב..."

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## זַיי נִישְׁט אַזוֹי בַּאבְּלָאזְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין פְּטִירָה אַז עֶר וֶועט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן נָאר אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען אוֹיסְקֶערְן דִי גֵיהִנוֹם פוּן אַלֶע נְשָׁמוֹת, אוּן צַדִיקִים הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אַז אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, אוּן אוֹיךְ אִיז שׁוֹין אַזוֹי גֶעבְּלִיבְּן, אַז יֶעדֶע יָאר ד׳ שְׁבַט קֶערְט דֶער צַדִיק אוֹיס דֶעם גֵיהִנוֹם.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער צַדִיק הָאט גֶעהַאט אַ הֵיילִיגֶע מִנְהָג, יֶעדְן טָאג נָאכְן דַאוֶוענֶען אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים אִיז עֶר אַרִיבֶּער בַּיי דִי שְׁטִיבֶּער פוּן דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת, אוּן זֵיי גֶעגְרִיסְט ׳גוּט מָארְגְן׳ מִיט אַ שְׁמֵייכְל; אַלֶע הָאבְּן אִים שׁוֹין אָפְּגֶעוַוארְט, אַלֶע זֶענֶען גֶעזֶעצְן בַּיי דִי טְרֶעפּ פוּן דִי שְׁטִיבֶּער אוּן גֶעוַוארְט אוֹיף דִי וַוארֶעמֶע ׳גוּט מָארְגְן׳, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי גוּט מִיט דֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט מַמָשׁ וִוי דֶער צַדִיק אִיז זֵייעֶר טַאטֶע.

זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַזוֹי טוּן, דַארְפְסְט נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אַלֶע גַאסְן וְכוּ׳, אָבֶּער דָארְט וואוּ דוּ גֵייסְט סַיי ווִי, גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שׁוּל נָאכְן דַאוֶוענֶען, זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי בַּאבְּלָאזְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין מֶענְטְשְׁן אָן גְרִיסְן, אָן שְׁמֵייכְלֶען, גְרוּס יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל, מֶען קֶען זִיךְ אַיינְקוֹיפְן עוֹלָם הַבָּא מִיט אֵיין שְׁמֵייכְל, מִיט אַ גוּט וָוארְט.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אִין שְׁטוּב, דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער; זָאלְסְט זֵיי גְרִיסְן אוּן שְׁמֵייכְלֶען צוּ זֵיי אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, דָאס אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ, פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבבי״ם וֶוען מִיר פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן - קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן מִיט פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

טוּ אַ טוֹבָה מִיט אַ צְוֵוייטְן, גֶעבּ אַ הַאנְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, דִי וֶועלְט שְׁטֵייט דָאךְ נָאר אוֹיף חֶסֶד, דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן צוּלִיבּ וָואס מֶען וֶועט טוּן חֶסֶד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ח, ה), אֵיידֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דִי מַלְאָכִים אוֹיבּ מֶען זָאל בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, זֶענֶען גֶעקוּמֶען גְרוּפֶּעס גְרוּפֶּעס מַלְאָכִים, אֵיין גְרוּפֶּע הָאט גֶעזָאגְט יָא, אֵיין גְרוּפֶּע הָאט גֶעזָאגְט נֵיין, ״חֶסֶד אוֹמֵר יִבָּרֵא, שֶׁהוּא גּוֹמֵל חֲסָדִים״, חֶסֶד הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר גֵייט טוּן חֶסֶד; דָאס אִיז תִּיקוּן שׁוֹבבי״ם, אַז מֶען הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע, אוּן דָאס זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער, טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, קֵיינְמָאל נִישְׁט זָאגְן נֵיין פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט פוּן לֵיידִיג גֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ה׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִיז גֵיין לֵיידִיג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): ״בַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה״, גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; דֶער וָואס גֵייט לֵיידִיג - דֶער קוּמְט צוּ נִיאוּף, מֶען קוּמְט אָן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, מֶען זִיצְט שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת בַּיים כִּישׁוּף מַאכֶער (קָאמְפְּיוּטֶער), מֶען

קוּקְט אַלֶע שְׁמוּץ פוּן דִי וֶועלְט, בִּיז מֶען פַאלְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, מֶען קוּמְט צוּ דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, וָואס דִי עֲבֵירָה מַאכְט מֶען זָאל וֶוערְן דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, בִּיז מֶען טְרַאכְט מַחֲשָׁבוֹת פוּן עֶנְדִיגְן דִי לֶעבְּן, מֶען זוּכְט סַם, מֶען נֶעמְט דְרָאגְס, מֶען טְרִינְקְט אַלְקָאהָאל.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבְבִי"ם, וֶוען מִיר פַארְעֶכְטְן אַלֶעס - זָאלְסְטוּ זִיךְ מֶער נִישְׁט דְרֵייעֶן לֵיידִיג. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ קוּמֶען דַאוֶונֶען אִין שׁוּל דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, דַאוֶונֶען נִישְׁט אִין אָפִּיס, דַאוֶונֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, אוּן מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה, מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

זוּךְ עֶפֶּעס אַן אַרְבֶּעט, נֶעם דִי עֶרְשְׁטֶע אַרְבֶּעט וָואס מֶען טְרָאגְט דִיר אָן, מַאךְ נִישְׁט קַיין נַארִישֶׁע חֶשְׁבּוֹנוֹת, וַוייל גֵיין לֵיידִיג אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ.

מוֹהֲרַא"שׁ בְּרֶענְגְט אַ פַּחַד פוּן אַ וָוארְט פוּן חֲזַ"ל, (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן, פֶּרֶק יא): "אֵין אָדָם מֵת אֶלָּא מִתּוֹךְ בַּטָּלָה", אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט פוּן לֵיידִיג גֵיין; זָאלְסְטוּ נִישְׁט זִיצְן בַּיים כִּישׁוּף מַאכֶער (קָאמְפְּיוּטֶער), נָאר עֶפֶּעס טוּן; גֵיי הֲפָצָה, טוּ עֶפֶּעס.

גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים אַ וָוארְט, זָאג אַפָּאר וֶוערְטֶער, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, זָאג אִים: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין טוּן נַארִישְׁקֵייטְן, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועג אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִיר, טוּן נָאר גוּטְס?"**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גָאר שְׁוֶוערֶע אָבֶּער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

עֶס טוּט מִיר וֵוייא אַז דוּ הָאסְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת וְכוּ׳, דוּ טְרַאכְסְט וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס דִי גַאנְצֶע זַאךְ, אַז מֶען הָאט טַעֲנוֹת וְכוּ׳, דוּ ווִילְסְט אָפְּלָאזְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועג ווִי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶער גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן מוֹהֲרַ״אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט אוּנְז אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ וֶועג לוֹיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס אִיז אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט; מֶען טוּט מִיט קִינְדֶער, מֶען אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אוּן מֶען אִיז מְשַׁלֵּם רָעָה תַּחַת טוֹבָה, מֶען כַאפְּט פְּסָקִים, מֶען הָאט טַעֲנוֹת, מֶען וֶוערְט בַּאלֵיידִיגְט. אִיךְ קֶען דִיךְ מְחַזֵק זַיין ווַייל אִיךְ גֵיי דָאס אַרִיבֶּער, אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר, מֶען צֶערַייסְט זִיךְ פַאר אַנְדֶערֶע, מֶען גֶעבְּט אַלֶעס אַוֶועק צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע, אוּן בַּיים סוֹף שְׁפֵּייט מֶען צוּרִיק אִין פָּנִים, מֶען בַּארֶעדְט, מֶען הָאט טַעֲנוֹת.

דָאךְ ווִיל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן - דַארְפְסְטוּ עֶנְדִיגְן. מוֹהֲרַ״אשׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אַז מִיר גֵייעֶן עֶפֶענֶען אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ חֵדֶר אִין אַמֶערִיקֶע: ״אַז מֶען עֶפְנְט - קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיף צוּרִיק״, דִי וֶוערְטֶער קְלִינְגְט אִין דִי אוֹיעֶר, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ גֵיין אוֹיף צוּרִיק. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי פְּטִירָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן ריח): ״גָּמַרְתִּי״, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט, ״וָאֶגְמוֹר״, אוּן אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן; דָאס אִיז וֶוערְטֶער פַאר אוּנְז, נִישְׁט צוּרִיק צוּ טְרֶעטְן, נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

וָואס הָאסְטוּ חֲלִישׁוּת הַדַעַת? אִיךְ הֶער צוּרִיק אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף

דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן בֵּית פֵיגָא פוּן אַלֶע שְׁטֶעט, אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן בְּנֵי בְּרַק - בִּיז טְבֶרְיָה, יֶעדְן טָאג בַּאקוּם אִיךְ בְּרִיוו וִוי עֶלְטֶערְן בַּאדַאנְקֶען זִיךְ, אִיז וָואס בִּיסְטוּ דֶערְשְׁרָאקְן? וֶוער רֶעדְט פוּן דִי יְשִׁיבָה... אַ פַּאבְּרִיק פוּן אֱמוּנָה, פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידּוֹת טוֹבוֹת. אִיךְ שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט אַז דִי יְשִׁיבָה זָאל זַיין אִין שׁוּל, אִיךְ דַארְף נִישְׁט בַּאהַאלְטְן דִי יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען וָואס טוּט זִיךְ אוּן מַאכְן שֵׁיינֶע בִּילְדֶער אִין אוֹיסְגַאבֶּעס וְכוּ', דִי יְשִׁיבָה קֶען זַיין אִין שׁוּל, אוּן בָּחוּרִים מֶעגְן טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען וְכוּ', דֶער עִיקָּר זֵיי זָאלְן זַיין מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר עַל פִּיהֶם, דָאס אִיז דָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם, יֶעדֶע וָוארְט בַּיי דִי בָּחוּרִים אִיז 'שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער', 'אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

אַז עֶלְטֶערְן רוּפְן דִיר מִיט טַעֲנוֹת - זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן אוּן מִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי טַעֲנוֹת אוּן דִי פְּרָטִים, אוּן מִיר וֶועלְן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אַלֶעמָאל זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן דִי עֶלְטֶערְן. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהַאט, אִין שְׁטֶעטְל אִיז פְּרָאסְטִיג קַאלְט, אוּן אַ טֵייל מִשְׁפָּחוֹת וואוֹינֶען נִישְׁט בַּיים גַאס וואוּ דִי בָּאס קֶען נֶעמֶען דִי קִינְדֶער גְלַייךְ פוּן שְׁטוּב, זֵיי דַארְפְן אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי קִינְדֶער צוּם גַאס, אוּן דִי פְרֶעסְטְן זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, אוּן דִי בָּאס דְרֵייוֶוערְס קוּמֶען נִישְׁט אַלֶע צַייטְלִיךְ, דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבִּיסְן פוּן דִי פְרֶעסְט, אוּן וֶוען אַ מַאמֶע רוּפְט אִין אָפִּיס וֵויינֶען, עֶנְטְפֶערְט מֶען אִיר: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דָאס אִיז אַ רְצִיחָה אַזוֹי צוּ עֶנְטְפֶערְן, "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דָאס דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין זָאגְן, אוּן וֶוען עֶלְטֶערְן קוּמֶען מִיט אַ טַעֲנָה דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְהֶערְן אוּן זֵיי גֶעבְּן דִי גֶעפִּיל אַז מֶען הָאט מִיטְלַייד, מֶען פַארְשְׁטֵייט זֵיי, אוּן זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן.

נָאכְאַמָאל בֶּעט אִיךְ דִיר, אָחִי הַיָּקָר חֲזַק וֶאֱמַץ בְּכָל כֹּחֲךָ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סְעוּדָה פַאר דִי פְרוֹיעֶן אִין אָפִיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אִיר זָאלְט צַאמְנֶעמֶען יֶעדֶע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ דִי פְרוֹיעֶן, מַאכְן אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סְעוּדָה, אוּן גֶעבְּן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר יֶעדֶע פְרוֹי צוּ זָאגְן וָואס מֶען קֶען בֶּעסֶער מַאכְן אִין אָפִיס, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גְרִינְגֶער מַאכְן.

עֶס אִיז אַ פַּאסִיגֶע צַייט דָאס צוּ מַאכְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פִּרְקֵי דְּרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק מה), רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז אַ יוֹם טוֹב פַאר פְרוֹיעֶן, דִי יוֹם טוֹב הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבְן פַארְן זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים, נִישְׁט וֶועלְן אָפְלָאזְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נִישְׁט גֵיין מִיט דִי עֵרֶב רַב וָואס הָאבְן גֶעהֶעצְט קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; זָאלְן עֶנְק זִיךְ צַאמְזֶעצְן, אַלֶע גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעטֶערְס אִין דִי אָפִיס פוּן דִי מוֹסָד, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶנְק הָאבְּן אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, עֶנְק בּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן, דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ הַגָּדוֹל וַיַּקְהֵל לה, כב), דִי פְרוֹיעֶן הָאבְן עֶרְשְׁט גֶעבְּרֶענְגְט דִי גֶעלְט צוּ בּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן, פַאר דִי מֶענֶער, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶועזְן אַרַיינְצוּגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דִי מֶענֶער זֶענֶען נִישְׁט אַרַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל פְרוֹיעֶן הָאבְּן אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים.

אוֹיךְ בַּיי דִי חֵטְא פוּן דִי מְרַגְּלִים, וֶוען אַלֶע הָאבְן גֶעוֵויינְט אַז מֶען גֵייט גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט דִי גְזֵירָה אַז אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעוֵויינְט זֶענֶען נִישְׁט אַרַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז דִי גְזֵירָה גֶעוֶועזְן נָאר אוֹיף דִי מֶענֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בַּמִּדְבָּר כו, סה): ״כִּי אָמַר ה׳ לָהֶם, מוֹת יָמֻתוּ בַּמִּדְבָּר, וְלֹא נוֹתַר מֵהֶם אִישׁ, כִּי אִם כָּלֵב בֶּן יְפֻנֶּה וִיהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן״, שְׁטֵייט אִישׁ, עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִשָּׁה (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כא, י).

שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן שְׁטַארְקְט אַלֶע אַרְבֶּעטֶערְס, זָאגְט אַלֶע אַז אַלֶע תּוֹרָה, תְּפִלָּה, קְדוּשָּׁה, יִרְאַת שָׁמַיִם - וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת, פוּן

דִי הֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא - אַלֶע וָואס הֶעלְפְן וֶועלְן הָאבְן דִי שְׂכַר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן אוּן פַארְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן שְׁטֵיין צוּ דִי רֶעכְטֶע הַאנְט פוּנֶעם מְנַהֵל, דֶער מְנַהֵל אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁכֹּחַ אַז דוּ נֶעמְסְט דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה זָאלְן הֶעלְפְן; דָאס אִיז דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מְחַזֵק זַיין אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי בָּחוּרִים, אַז מֶען מַאכְט זֵיי מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען גֶעבְּט זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער; דָאס גֶעבְּט זֵיי זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט אוּן דָאס הִיט זֵיי פוּן שְׁלֶעכְטְס.

יֶעדֶע מָאל דוּ פַארְרֶעכְסְט עֶפֶּעס אִין דִי מוֹסָד - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט מַאכְן אַלֵיין, נֶעם אַ בָּחוּר (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיטְן אַיינְמֶעלְדְן פַארְן מַגִּיד שִׁיעוּר, אוּן מִיט רְשׁוּת). אִיךְ וֶועל דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיף דִי פְּרַט, נָאכְמֶער וִוי דָאס הֶעלְפְן אַלֵיין; הֶעלְפְן אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, אָבֶער דָאס מִיט נֶעמֶען אַ בָּחוּר מִיט זִיךְ אוּן אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן דוּרְךְ אִים מַאכְן חָשׁוּב, אִים וַוייזְן וִוי עֶר קֶען אוּן וִוי עֶר טוֹיג - דָאס אִיז עוֹלֶה עַל הַכֹּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָן דִי בְּרוֹינְפְּן, וַויין, אוּן צִיגַארֶעטְלֶעךְ, אִיז נִישְׁט דָא קַיין חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דִי שׁוּל אוּן דִי מָקוֹם אַרוּם דִי שׁוּל, עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין אַז דוּ רֵייכֶערְסְט אִין פָּארְנְט פוּן שׁוּל; דוּ וֵוייסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֵייכֶערְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רעג, תעב), אִיז נִישְׁט שֵׁיין צוּ רֵייכֶערְן בַּיים רֶבִּינְ'ס ד' אַמּוֹת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין בְּרוֹינְפְּן אִין שׁוּל, אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל טְרִינְקֶען - קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען בַּיי אִים אִין שׁוּל אוּן טוּן אַנְדֶערְשׁ וִוי זַיין ווִילְן.

אוֹיךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב - אַז דוּ וֶועסְט צַאמְרֶעכֶענֶען דִי גֶעלְט וָואס דוּ גֶעבְּסְט אוֹיס פַאר דִי בְּרוֹינְפְּן, וַויין, צִיגַארֶעטְלֶעךְ - וֶועסְטוּ זֶען אַז דָאס זֶענֶען דַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן אַז דוּ וֶועסְט דָאס אָפְּלָאזְן - אִיז מֶער נִישְׁט דָא קַיין חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבְּן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אִין אַ טַעֲנָה'רֵיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר זָאלְט יֶעדְן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן אַז עֶס וֶוערְט אַ טַעֲנָה'רֵיי צְווִישְׁן דִי פְרוֹיעֶן - זָאלְט אִיר בְּלַייבְּן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ. קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט אוּן קֵיינֶער מֵיינְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, קֶען אוֹיסְזֶעעְן וִוי מֶען ווִיל וֵויי טוּן וְכוּ'.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז, זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן מִיר זֶענֶען קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער גַאנְצֶע שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שֶׁעפְּן חַיּוּת פוּן דֶעם וָואס 'אִיךְ בִּין מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מְחַזֵּק זַיין אַז דַיין וַוייבּ זָאל וַוייטֶער בְּלַייבְּן הֶעלְפְן אִין בֵּית פֵיגָא סְקוּל. עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאדֶערְן אַז אֵיין טָאג זָאגְט מֶען דַיין וַוייבּ זַיי דָא אַ טִיטְשֶׁער, אוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג בֶּעט מֶען אִיר זַיי דָא אַ הֶעלְפֶער, אוּן נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען אִיר הַיינְט זָאלְסְטוּ דָאס טוּן אוּן מָארְגְן דָאס טוּן וְכוּ'; וַוייל וָואס אִיז דֶען אַ חִילוּק אוֹיבּ מֶען הָאט אַ בַּאשְׁטִימְטֶע פָּאסְטְן? דֶער עִיקָר אִיז, מֶען אִיז מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי צַייט, דִי כֹּחוֹת - אִין הֶעלְפְן מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער מִיט קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, מִיט אֱמוּנָה אוּן צְנִיעוּת; מֶען דַארְף שֶׁעפְּן חַיּוּת פוּן דֶעם וָואס 'אִיךְ בִּין מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי'ן'.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, אוּן אַז דוּ ווִילְסְט שְׁפִּירְן אוֹיבּ דִי שְׁכִינָה אִיז אִין שְׁטוּבּ - זָאלְסְטוּ דָאס מֶעסְטְן לוֹיט דִי שִׂמְחָה אוּן לִיבְשַׁאפְט וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן עֶנְק; ווִי מֶער פְרֵיילִיךְ מֶען אִיז, אוּן ווִי מֶער לִיבּ מֶען הָאט זִיךְ - דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז בַּיי דִי קְדוּשָׁה אוּן אַז דִי שְׁכִינָה אִיז שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ װעג פַאר די טִיטְשֶׁערְס צוּ קוּמֶען אִין סְקוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, אַדְמִינִיסְטְרַאטָער מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

עֶפֶּעס דַארְפְסְטוּ טוּן עֶס זָאל זַיין אַ װעג פַאר די טִיטְשֶׁערְס צוּ קוּמֶען אִין סְקוּל. יֶעצְט װען עֶס אִיז גֶעוֶועזְן די שְׁרֶעקְלִיכֶע פְרֶעסְט, צִיפֶּעדִיגֶע קֶעלְט - הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט װִיפִיל טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין די קֶעלְט און פַארְפְרוֹירְן גֶעוָוארְן, און עֶס אִיז דָא וָואס דַארְפְן זִיךְ אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן אַ בַּארְג, און אֵיינְמָאל זֵיי קוּמֶען אָן אוֹיבְן קֶענֶען זֵיי נִישְׁט צוּרִיק אַרָאפְּגֵיין צוּלִיבּ די אַייז, מֶען מוּז עֶפֶּעס טוּן פַאר די טִיטְשֶׁערְס.

אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן טוּן די רִיכְטִיגֶע זַאכְן מִיט די גֶעלְט, וִוי אֵיידֶער זִיךְ בּוֹיעֶן פַּאלַאצְן, און וִוי אֵיידֶער זִיךְ קוֹיפְן טֵייעֶרֶע קַארְס (וָואס קָאסְט נָאר כַּךְ וְכַךְ דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ מֶער וִויפִיל עֶר צָאלְט יֶעצְט, פַאר די קוּמֶענְדִיגֶע זֶעקְס יָאר) - זָאלְן זֵיי אִינְוֶועסְטִירְן די גֶעלְט אִין בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת. וַוייל זֵיי די פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹר, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְן מִיט זַיין קַאר, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְן מִיט זֵייעֶר דִירָה, און די וָואס הָאבְן גֶעהָאלְפְן בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת - די הָאבְן אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַ פַארְמֶעגְן; די זְכוּתִים פוּן די תּוֹרָה פוּן די תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.

אִיךְ בֶּעט דִיר, דוּ מוּזְט עֶפֶּעס טוּן, מֶען קֶען נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן די פְרוֹיעֶן וָואס קוּמֶען טִיטְשְׁן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, די פְרוֹיעֶן זֶענֶען מַאמֶעס פַאר קִינְדֶער, זֵיי וָואלְטְן גֶערְן גֶעבְּלִיבְן אִין שְׁטוּבּ אוֹיפְהָאדֶעוֶוען די קִינְדֶער, דָאךְ שְׁטֵייעֶן זֵיי אוֹיף פְרִי און קוּמֶען אִין בֵּית פֵיגָא און מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן זֵיי, מֶען גֶעבְּט זֵיי נִישְׁט קַיין װעג, דֶער שִׁיקְט צוּ דֶעם און דֶער שִׁיקְט צוּ דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס אִיז שֶׁענֶער פוּן גֵיין מִיט אַ טִיכְל?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ'**

וָואס אִיז שֶׁענֶער פוּן גֵיין מִיט אַ טִיכְל? עֶס הָאט דָאךְ אַלֶע טַעֲמִים, דָאס אִיז דָאךְ דִי לְבוּשׁ וְוי אַזוֹי מֶען זִיצְט אִין גַן עֵדֶן. וְוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "צַדִּיקִים יוֹשְׁבִים וְעַטְרוֹתֵיהֶם בְּרָאשֵׁיהֶם", דִי צַדִיקִים זִיצְן מִיט אַ קְרוֹין אוֹיפְן קָאפּ, "וְנֶהֱנִים מִזִּיו הַשְּׁכִינָה", אוּן זֵיי הָאבְן אַ פַּארְגֶענוּגְן פוּן דִי זִיסֶע לוֹיטֶערֶע טַעַם פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם, אַ זִיסְקֵייט - אִין מַיין צְנִיעוּת? וֶוען וְויל אִיךְ לִיבּ הָאבְּן דִי אֵיידֶעלֶע אִידִישֶׁע חֵן? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וְויל לִיבּ הָאבְן דִי תּוֹרָה וֶועג, לִיבּ הָאבְן צְנִיעוּת"; מִיט תְּפִלָּה קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּקְן קְלִיפְּס זֶעטִיגְט נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵייט זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן וְוי דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דַיין פְּרַאגֶע, אַזוֹיפִיל בְּרִיוו שְׁרַייבְּסְטוּ מִיר אַז דַיין וַוייבּ וְויל אַ קָאמְפְּיוּטֶער אוּן דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, יֶעצְט פְּלוּצְלוּנְג ווילְסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין קוּקְן נַארִישְׁקֵייטְן?

אִיךְ בֶּעט דִיךְ בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים, רִיר נִישְׁט אָן דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער. אַז דַיין וַוייבּ הָאט דָאס, אִיז אֵיין זַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה (סִפּוּרֵי

מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א): "וָוארִים מֶען בַּאדַארְף זִיךְ דָארְטְן פַארְזָאמֶען, וָוארִים מֶען מוּז זֶעהְן מִיט חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל מֶען זָאל זִי אַרוֹיס נֶעמֶען", מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי בַּת מֶלֶךְ פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע אִין אַ קוּרְצֶע צַייט, אָבֶער דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם כִּישׁוּף מַאכֶער.

קוּקְן קְלִיפְּס זֶעטִיגְט נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן 'מֶען ווִיל זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן', וַוייל ווִי מֶער מֶען קוּקְט דִי קְלִיפְּס - אַלְץ מֶער דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, דָאס מַאכְט מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן, עֶס מַאכְט מֶער נֶערְוֶועז, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי מֶען לוּפְטֶערְט זִיךְ אוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צְוֵויי מִינוּט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לְכָבוֹד אַייעֶר יוֹם הוּלֶּדֶת זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין יֶעדְן טָאג פַּאר צְוֵויי מִינוּט צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶע רְפוּאוֹת, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה פַּאר אַלֶעס, פַּאר בָּנֵי, חַיֵּי וּמְזוֹנֵי.

מֶענְטְשְׁן זֶעעֶן אָפֶּענֶע נִיסִים; מֶענְטְשְׁן דֶערְצֵיילְן וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ קְלֶעם, אִין וֵוייטָאג, זֵיי הָאבְּן פְּרוּבִּירְט אַלֶע עֵצוֹת, אַלֶע סְגוּלוֹת - בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאט זֵיי גֶעעֶפְנְט אַלֶע טִירְן פוּן יְשׁוּעוֹת.

צְוֵויי מִינוּט זָאלְט אִיר אַוֶועק גֶעבְּן יֶעדְן טָאג אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען מִיט דִי מוֹיל חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ אוּן מִיט אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, דָאס זָאל זַיין אַייעֶר קַבָּלָה פַּאר דִי יָאר אוּן פַּאר אַלֶע יָארְן, אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִּי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר פַּרְנָסָה אִיז אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלֹקֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ו׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט ג׳ בְּשַׁלַּח אִיז אַ טָאג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע רִימְנוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אַז עֶס אִיז אַ סְגוּלָּה פַאר פַּרְנָסָה צוּ זָאגְן פַּרְשַׁת הַמָּן שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם. מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אַלֶע וָואכְן אִין צַייט אִיז מְסוּגָּל לְפַרְנָסָה, אוּן זִיכֶער וֶוען מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה פַּרְשַׁת הַמָּן, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, הוּבָא בִּפְרִישָׁה עַל טוּר אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף קָטָן יד) וֶוער עֶס זָאגְט פַּרְשַׁת הַמָּן - אִיז פַארְזִיכֶערְט "שֶׁלֹּא יִתְמַעֲטוּ מְזוֹנוֹתָיו", דָאס אַז מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט עֶסְן, אוּן זָארְגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם - דָאס אַלֵיין אִיז מְסוּגָּל פַאר שֶׁפַע.

דִּי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ פַאר פַּרְנָסָה אִיז אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלֹקֶת, זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין, קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵוי טוּן אַ צְוֵוייטְן. "מַחֲלֹקֶת אַחַת דּוֹחֶה מֵאָה פַּרְנָסוֹת" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רעז), אֵיין מַחֲלֹקֶת שְׁטוּפְּט אַוֶועק הוּנְדֶערְט מָאל וָואס מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט פַּרְנָסָה, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר ווִי בִּיטֶער דָאס אִיז; מֶען וֵויינְט אוֹיף פַּרְנָסָה, מֶען בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה, מֶען טוּט סְגוּלּוֹת פַאר פַּרְנָסָה, אוּן מִיט אֵיין קְרִיגֶערֵיי, מִיט רֶעדְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אַנְדֶערֶע, לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת, הַלְבָּנַת פָּנִים - שְׁטוּפְּט מֶען אַלֶעס אַוֶועק.

נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין מַחֲלֹקֶת - גֵייט נָאר מִיט תְּפִלָּה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן מִיט מַחֲלֹקֶת, אֲפִילוּ וֶוען מֶען דְרֵייט דִּיר אָן לְשֵׁם שָׁמַיִם - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלֹקֶת. אִיךְ וֶועל דִּיר דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעמַאכְט אַ טִיקֶעט צוּ פָארְן צוּ דִּי לְוָיָ׳, אָבֶּער פְרֵייטָאג

נָאךְ דִי לְוַיָ׳ אִין בָּארָא פַּארְק, ווִי אִיךְ הָאב גֶעזֶען וָואס הָאט פַּאסִירְט וְכוּ׳ - הָאב אִיךְ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אִיךְ הָאב גֶעזוּכְט אַ שְׁטִילֶע גַאס אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועֶן אוּן מְבַטֵּל גֶעוֶועֶן דִי טִיקֶעט, אֲפִילוּ אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, אַלֶע הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט ׳הֲיִתָּכֵן גֵייסְט נִישְׁט צוּ דִי לְוַיָ׳?׳ אִיךְ הָאב זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן ׳אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט׳, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט קַיין מַחֲלֹקֶת אוּן נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן.

לֶערְן דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל: "גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לִיבּ הָאבְּן דֶעם מַאן, טְרָאץ זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

ווָאוֹיל אִיז אַייךְ אוּן ווָאוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר זֶענְט מְחַזֵק אוּן מְעוֹדֵד אַייעֶר מַאן, בַּיי אַייךְ אִיז מַמָשׁ וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "זָכָה, עוֹזַרְתּוֹ", דִי וַוייבּ הֶעלְפְט דֶעם מַאן צוּ מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; בֶּאֱמֶת אִיז אַייעֶר מַאן זֵייעֶר טֵייעֶר, עֶר אִיז אַ גָאר גוּטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען יֶעצְט, אַז עֶר הָאט טוֹעֵם גֶעוֶועֶן פוּן דִי סַם הַמָּוֶת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, טוֹעֵם גֶעוֶועֶן דִי בִּיטֶערֶע גְרָאז - דָאס מַאכְט אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְט, דָאס וַוייזְט נָאר אַז עֶר הָאט אַ גְרוֹיסֶע נִסָּיוֹן, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵירוֹ", ווִי גְרֶעסֶער מֶען אִיז, "יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ", הָאט מֶען מֶער נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה מֶען הָאט אַ גוּטֶע וַוייבּ וָואס קוּקְט שֵׁיין אוֹיפְן מַאן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זִי

דֶערְווײסְט זִיךְ פוּן זַײנֶע נִסְיוֹנוֹת בְּלַײבְּט דִי לִיבְּשַׁאפְט אוּן זִי שְׁטַארְקְט אִים - וֶועט עֶר מִיטְן אֵײבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אַרוֹיסְגֵײן פוּן דֶעם אוּן שֵׁײן מַצְלִיחַ זַײן אִין לֶעבְּן.

שְׁטַארְקְט אַײךְ אוּן שְׁטַארְקְט אַײעֶר מַאן. אִיךְ הָאבּ אִים זֵײעֶר לִיבּ, עֶר אִיז זֵײעֶר טֵײעֶר, אוּן אִיךְ זָאג אַײךְ צוּ אַז מִיט אַײעֶר וֶועג ווִי אִיר פִירְט זִיךְ מִיט אִים, אַז אִיר שְׁטַארְקְט אִים מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט - וֶועלְן עֶנְק בֵּײדֶע זֵײעֶר מַצְלִיחַ זַײן.

דֶער אֵײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶעגִינְגְס אִיז פְּרִיצוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בֹּא, כ״ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַײעֶר בְּרִיוו.

לֶעגִינְגְס אִיז פְּרִיצוּת, פִּינְקְט ווִי הוֹיזְן אִיז פְּרִיצוּת פַאר אַ פְרוֹי - אִיז לֶעגִינְגְס פְּרִיצוּת; אוֹיסֶער דֶעם ווָאס עֶס אִיז גוֹעֵל נֶפֶשׁ, אַ גְרוֹיל צוּ זֶען אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, הֵײלִיגֶע נְשָׁמוֹת - זִיךְ אָנְטוּן אַזוֹי.

טוּט אוֹיס דִי פְּרִיצוּת - וֶועט אִיר זֶען יְשׁוּעוֹת. פְּרִיצוּת אִיז שְׁוַוארְצֶע מַלְאָכִים, קְלִיפּוֹת אוּן שֵׁדִים, זֵײ בְּרֶענְגֶען דִי צָרוֹת אִין שְׁטוּבּ, אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי טָאר נִישְׁט גֵײן מִיט דֶעם.

אוֹיךְ וֶוען מֶען מַאכְט אִיבּוּנְגֶען (עֶקְסֶערְסַײז) - זָאלְט אִיר נִישְׁט גֵײן מִיט דֶעם, דָאס אִיז תּוֹרַת לָאקְשְׁן אַז מֶען דַארְף אָנְטוּן הוֹיזְן בַּײם מַאכְן אִיבּוּנְגֶען (עֶקְסֶערְסַײז) צוּלִיבּ צְנִיעוּת. חַס וְשָׁלוֹם גֵײן מִיט הוֹיזְן; נִישְׁט בַּײם שְׁלָאפְן, נִישְׁט בַּײם טַאנְצְן, קֵײנְמָאל נִישְׁט.

מוֹהֲרָא״ש שְׁרַײבְּט אִין אַ בְּרִיוו פַאר דִי פְרוֹיעֶן אִין יַבְנְאֵל, כ״ב טֵבֵת תשע״ה: ״אֲנִי מְאֹד מְאֹד מְבַקֵּשׁ אֹתָךְ״, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵײעֶר שְׁטַארְק, ״שֶׁתִּתְחַזְּקִי יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּעִנְיָנֵי צְנִיעוּת״, זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט צְנִיעוּת,

מִיט זַיין אֵיידְל, וַוייל דָאס הִיט אוּנְז פוּן שְׁלֶעכְטְס. צְנִיעוּת הִיט אָפּ אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער פוּן אַלֶע קְרֶענְק.

מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט וַוייטֶער, אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג: "וַאֲנִי תּוֹלֶה אֶת מַחֲלַת אִשְׁתִּי תִּחְיֶ" [עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם], אִיךְ מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, אוֹיף וָואס אִיז מַיין וַוייבּ נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן מִיט דִי בִּיטֶערֶע קְרֶענְק הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, "מִפְּנֵי שֶׁלֹּא עוֹרַרְתִּי אוֹתָךְ יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּעִנְיָנֵי צְנִיעוּת", וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג מְחַזֵק גֶעוֶועְן דִי פְרוֹיעֶן אִין צְנִיעוּת.

מוֹהֲרָא"ש בֶּעט וַוייטֶער אִין דִי בְּרִיוו: "וְלָכֵן אֲנִי מְאֹד מְבַקֵּשׁ אוֹתָךְ", דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, "לְקַבֵּל עַל עַצְמֵךְ לְהִתְחַזֵּק בִּצְנִיעוּת", זָאלְסְט זִיךְ פָּארְנֶעמֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין צְנִיעוּת; טוּ עֶס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ גֵיין אֵיידְל אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַּאר אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער, זָאלְסְט אַלְץ גֵיין צוּגֶעדֶעקְט דַיין קָאפּ, "שֶׁזֶּה הַיֹּפִי וְהַחֵן שֶׁל אִשָּׁה יְהוּדִית", וָואס דָאס אִיז דִי אִידִישֶׁע חֵן, דִי אִידִישֶׁע שֵׁיינְקֵייט. "וַאֲפִילוּ אִם אַתְּ הוֹלֶכֶת עִם פֵּאָה", אוּן אֲפִילוּ דוּ גֵייסְט מִיט אַ שֵׁייטְל, "תַּקְפִּדִי מְאֹד מְאֹד שֶׁהַפֵּאָה תִּהְיֶה פֵּאָה צְנוּעָה וְכוּ'", זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין מִיט אַן אֵיידֶעלֶע שֵׁייטְל, "לֹא אֲרוּכָה כְּמוֹ שֵׁדָה וְכוּ'", עֶס זָאל נִישְׁט זַיין לַאנְג אַזוֹי וִוי דִי שֵׁדִים גֵייעֶן, "וְלֹא עִם צָמוֹת וְכוּ'", אוּן נִישְׁט מִיט קַיין בְּרֶעידְ"ס, "שֶׁזֶּה בֶּאֱמֶת לֹא צָנוּעַ", וַוייל דָאס אִיז נִישְׁט אֵיידְל, אוּן אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף זִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶעְרְן דֶערְפוּן. מֵיין נִישְׁט אַז צְנִיעוּת אִיז אַ חוּמְרָא, דֶער סְמַ"ק זָאגְט (מִצְוָה נ"ז) אַז צְנִיעוּת אִיז אַ מִצְוָה דְאוֹרַיְיתָא, עֶס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ חוּמְרָא.

מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: "וְכֵן תִּשְׁמְרִי מְאֹד מְאֹד לֹא לָלֶכֶת עִם בְּגָדִים קְצָרִים מֵעַל הַבֶּרֶךְ", זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ גֵיין קוּרְצֶע קְלֵיידֶער הֶעכֶער דִי קְנִי, "אוֹ בִּבְגָדִים צְמוּדִים", אָדֶער אוֹיסְגֶעפַּאסְטֶע קְלֵיידֶער, "אוֹ שְׁקוּפִים וְכוּ' וְכוּ', שֶׁזֶּה מַגְעִיל מְאֹד", וַוייל דָאס אִיז אַן עֶקֶל אוּן אַ גְרוֹיל, "וּמְגָרֵשׁ אֶת הַשְּׁכִינָה מִסְּבִיבוֹתַיִךְ וְכוּ' וְכוּ'", עֶס פַארְטְרַייבְּט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה פוּן זַיין נֶעבְּן דִיר, אוּן דִי פְרוֹי וָואס אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, אַרוּם אִיר דְרֵייעֶן זִיךְ אֲלָפִים וּרְבָבוֹת קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וְכוּ', צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער קְלִיפּוֹת אוּן שֵׁדִים וָואס בְּרֶענְגֶען צָרוֹת, "וְלָכֵן אֲנִי מְאֹד מְבַקֵּשׁ

אוֹתָךְ, תְּהִי אִשָּׁה צְנוּעָה כְּמוֹ שֶׁרָאוּי לְבַת יִשְׂרָאֵל", אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, זַיי אֵיידְל אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַּאר אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער, "וְעַל יְדֵי זֶה תַּמְשִׁיכִי עַל עַצְמֵךְ חֵן וְחֶסֶד", דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן חֵן אוּן חֶסֶד, "וְלֹא יֶחְסַר לָךְ שׁוּם דָּבָר", אוּן עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט פֶּעלְן.

וָואס נָאךְ אִיז דָא צוּצוּלֵייגְן אוֹיף אַזַא הַארְצִיגֶע בְּרִיוו, וִוי מוֹהֲרָא"שׁ בֶּעט זִיךְ צוּ אוּנְז, עֶר ווִיל עֶס זָאל אוּנְז זַיין גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאג מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא מִיט עַקְשָׁנוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שׁוֹבָבִי"ם אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת; לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת, אִין אָנְהוֹיב וֶועט דִיר זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. זָאג מִשְׁנַיּוֹת אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, מִי יִתֵּן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, דָאס אִיז מְטַהֵר וּמְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע פְלֶעקְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מִשְׁנַיּוֹת אִיז אַזוֹי וִוי סְטִי"ל וָוא"ל וָואס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע שְׁמוּץ פוּן כֵּלִים, אַזוֹי אוֹיךְ מִשְׁנַיּוֹת, עֶס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע שְׁמוּץ פוּן דִי נְשָׁמָה. אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, עֶר זִינְדִיגְט אִין עֲבֵירוֹת, אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיּוֹת בְּעַקְשָׁנוּת, עֶר וֶועט זָאגְן יֶעדְן טָאג כַּמָּה פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת - וֶועט עֶר אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה,

עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטֶס, אוּן רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס'"; אוּן אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' - וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא בְּגִירְסָא. זָאג גְמָרָא, אִין אָנְהוֹיבּ זָאלְסְטוּ נָאר זָאגְן גְמָרָא, אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קו:): "גְּמָרָא גְמוֹר זְמוֹרְתָּא תְּהֵא", זָאגְן צַדִּיקִים אוֹיף דֶעם, דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן "לְ'זַמֵּר' אֶת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֶת כָּל הַקּוֹצִים", דָאס שְׁנֵיידְט אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית'", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, תַּלְמוּ"ד בַּאטְרֶעפְט פִיר הוּנְדֶערְט אַכְצִיג, אוּן דִי קְלִיפָּה לילי"ת בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ פִיר הוּנְדֶערְט אַכְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

אִיךְ הָאב נָאךְ אַסַאךְ דִיר צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ חִיזּוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דַארְפְן אַלֶע עוֹסֵק זַיין אִין הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, שַׁבָּת פַּרְשַׁת יִתְרוֹ - גֶעפַאלְט דִי צֶענְטֶע יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי, אוּנְזֶער טַאטֶע - מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מִיר וֶועלְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע תַּלְמִידִים, מוֹצָאֵי שַׁבָּת, צוּ סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה אוּן יָארְצַייט סְעוּדָה, מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי אוֹצְרוֹת וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דִי יָארְצַייט סְעוּדָה וֶועט זַיין אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ מְסִבָּה פַאר דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, דִי פַּאסִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז צַאמְשְׁטֶעלְן דִי צְוֵויי אִינְאֵיינֶעם, וַוייל הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה אִיז גֶעוֶוען דָאס שְׁוַוארְץ אַפֶּעל פוּן מוֹהֲרָא״ש. מוֹהֲרָא״ש הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אוֹיף פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פַאר דִי וֶועלְט. עֶס אִיז נִישְׁט צוּ מַשִּׂיג זַיין וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעטוּן; אַ אִינְגֶערְמַאן, אֵיינֶער אַלֵיין - זָאל זִיךְ אַרַיינְוַוארְפְן אִין צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער חוֹבוֹת צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים, וֶוען קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי וָוארְט ׳בְּרֶסְלֶב׳, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דָאס אִיז, אוּן מוֹהֲרָא״ש, אַ אִינְגֶערְמַאן אֵיינֶער אַלֵיין - דְרוּקְט אוּן דְרוּקְט, אוּן גֵייט אַלֵיין אַרוּם בַּיי דִי הַייזֶער אוּן אִין שׁוּלְן אוּן פַּארְקוֹיפְט אוּן טֵיילְט דִי סְפָרִים, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, אוֹיף גָארְנִישְׁט.

תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דַארְפְן אַלֶע עוֹסֵק זַיין אִין הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה, אֵיינֶער

מִיט גֶעלְט, אֵיינֶער מִיט רָצוֹן אוּן אֵיינֶער מִיט טִרְחָה, אַזוֹי וְוִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְּקוּת (אוּן דָאס אִיז פַּאר אוּנְז אַזוֹי וְוִי אַ צַוָואָה פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה): "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹיפִיל וְוִי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; נָאר אִיךְ הָאף, אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקּוּן אוֹיף אַלְצְדִינְג", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ זָאג אַייךְ אָן, אַז אַייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, סֶע זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה', אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִירְחָא'"; (עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת; רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסּוֹפֵר).

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ יְרוּשָּׁה, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו מָאנְטָאג פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, פִיר טֶעג פַארְן הִסְתַּלְּקוּת: "הִשְׁאַרְתִּי אַחֲרַי יְרוּשָּׁה גְדוֹלָה וְהֵם שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' שֶׁמִּסְתַּכֵּם כְּבָר עַד הַשָּׁנָה הַזּוֹ לְמַעְלָה מִשִּׁבְעִים אֶלֶף מִכְתָּבִים", אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ יְרוּשָּׁה 'שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אֲשֶׁר בַּנַּחַל', זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו, "וְלָכֵן אֲנִי מְבַקֵּשׁ אֶת כָּל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּעַזְרוּ לִי שֶׁיֵּצֵא כָּל חֶלְקֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' לָאוֹר עוֹלָם", בֶּעט אִיךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, הֶעלְפְט מִיר דְרוּקְן אַלֶע בֶּענְדֶער אֲשֶׁר בַּנַּחַל, "כָּל אֶחָד שֶׁיִּקַּח עַל עַצְמוֹ כַּמָּה כְּרָכִים לְהַדְפִּיס אֶת זֶה", יֶעדֶער זָאל נֶעמֶען אַ בַּאנְד צוּ דְרוּקְן, "וְזֶה הַיְרוּשָּׁה הַיְחִידִית שֶׁהִשְׁאַרְתִּי מִמֶּנִּי", דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע יְרוּשָּׁה וָואס אִיךְ לָאז אִיבֶּער נָאךְ מִיר; זָאלְסְטוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי יְרוּשָּׁה.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען אוּן הֶעלְפְן דֶעם קֶרֶן הַדְפָּסָה וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אִין שְׁטֶעטְל אוּן מֶען דְרוּקְט אָן אוֹיפְהֶער סְפָרִים קוּנְטְרֵסִים גִּלְיוֹנוֹת - וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, זָאלְסְטוּ זִיךְ טֵיילְן מִיט דִי יְרוּשָּׁה, טוּן דֶעם ווִילְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אַז אִיר זָאלְט אָפְּדְרוּקְן דִי אַלֶע בְּרִיוְון אוּן מֶען זָאל עֶס אִיבֶּערְדְרוּקְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אוֹיף דִי אַלֶע סְפָרִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן: 'כָּל הַזְּכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת',

קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז נָאר עֶר הָאט דִי רֶעכְט דָאס צוּ דְרוּקְן. נָאר יֶעדֶער מֶעג אוּן קֶען עֶס דְרוּקְן, אוּן אִיךְ זָאג צוּ אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ בַּאנְד פוּן ׳אֲשֶׁר בַּנַּחַל׳ וֶועט זֶען אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה פוּן הִימְל. דִי בְּרִיוְון הָאבְּן שׁוֹין גֶערַאטֶעוֶועט צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אוּן ווארִיל אִיז דֶעם וָואס וֶועט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דָאס אָפְּדְרוּקְן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז נָארְמַאל אַז מֶען פַארְבֶּענְקְט זִיךְ צוּ אַ טַאטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען אַייעֶר טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּן אִיר צוּאַרְיינְט זִיךְ אַזוֹי סַאךְ, אוּן אִיר זֶענְט פַארְטְרַאכְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיר וֶוערְט אַזוֹי פַארְבֶּענְקְט אַז אִיר קֶענְט מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט טוּן; ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז עֶס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל אַז מֶען פַארְבֶּענְקְט זִיךְ צוּ אַ טַאטֶע אוּן מֶען פְּלַאצְט אוֹיס אִין אַ גֶעוויין, דָאס אִיז גֶעזוּנְט, אָבֶּער אוֹיךְ זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן דִי קִינְדֶער זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אִיז דָאס זֵייעֶר גְרֶעסְטֶע נַחַת, דָאס מַאכְט זֵיי פְרֵיילִיךְ, עֶלְטֶערְן גְלַייכְן נִישְׁט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען בְּצַעַר.

דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיר קֶענְט מַאכְן פַאר אַייעֶר טַאטֶע׳ס נְשָׁמָה - אַז אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ אוּן אָנְגֵיין מִיט אַייעֶר לֶעבְן, לֶערְנֶען מִיט אַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַייעֶר טַייעֶרֶער מַאן, אִים הֶעלְפְן אִין זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פִיר גוּטֶע דָאקְטוֹרִים הָאבְּן גֶערַאטֶעוֶועט זַיין לֶעבְּן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל וָואס דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן אִים אָנְגֶעשְׁרָאקְן אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ לֶעבְּן, מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כז, מִכְתָּב ד׳ שיט), עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן גָאר גוּטֶע דָאקְטוֹירִים וָואס הָאבְּן אִים גֶערַאטֶעוֶועט אוּן הַאלְטְן אִים וַוייטֶער בַּיים לֶעבְּן; דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ, דָאקְטֶער לֶערְנֶער, דָאקְטֶער וַואסֶערְמַאן אוּן דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן, דָאס אִיז דִי פִיר הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. דִי עֲבוֹדָה פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער, עֶר הֵיילְט אוֹיס אַלֶע סָארְט קְרֶענְק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט, "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם", וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען – "כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", וַוייל מֶען אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן, "שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

וֶוען דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן אָנְגֶעשְׁרָאקְן מוֹהֲרָא"ש אַז אָט אָט וֶועט עֶר דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט אִיז מוֹהֲרָא"ש גֶעלָאפְן צוּ דָאקְטֶער לֶערְנֶער, דָאס אִיז לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג תּוֹרָה, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, דֶער דָאקְטֶער אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער אוּן גָאר אַ גוּטֶער דָאקְטֶער, אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט לַאנְגֶע יָארְן גֶעלֶעבְּט אוּן גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן פַאר הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן.

אוֹיךְ דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן; מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין פֶעלְד, זִיךְ

מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ צוּ דָאקְטֶער וַואסֶערְמַאן; מוֹהֲרַ"אשׁ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, אִין וַואסֶער, זִיךְ גֶע'טוֹבֵל'ט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין", דוּרְךְ זִיךְ טוֹבֵל'ן אִיז מֶען מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים.

שְׁטַארְק זִיךְ לִיבֶּער בְּרִידֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס אוּן מִיט דִי פִיר דָאקְטוֹירִים קֶען מֶען זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים; דוּרְךְ שִׂמְחָה (דָאקְטֶער פְּרֵיילִיךְ), דוּרְךְ לֶערְנֶען (דָאקְטֶער לֶערְנֶער), דוּרְךְ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין (דָאקְטֶער פֶעלְדְמַאן) אוּן דוּרְךְ גֵיין אִין מִקְוֶה (דָאקְטֶער וַואסֶערְמַאן) - קֶען מֶען הֵיילְן אַלֶעס, אוּן צוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ שָׁאד אַז דוּ טוּסְט נִישְׁט דִי עֵצָה וָואס מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט אַפָּאר יָאר צוּרִיק, אַ שָׁאד עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער יָארְן אוּן דוּ בִּיסְט פַארְוֵוייטָאגְט אַז דַיין וַוייבּ שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט, זִי גֵייט מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הָאר וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואלְסְטוּ אִין דִי פָּאר יָאר יֶעדְן טָאג גֶעבֶּעטְן אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מַיין וַוייבּ אוּן מַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר אוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶל וִוי דִי עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער" - וָואלְסְטוּ שׁוֹין לַאנְג גֶעזֶען אַ יְשׁוּעָה, דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען דַארְף חִיזּוּק אוֹיף תְּפִלָּה, אוֹיף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הוֹיבּ יֶעצְט אָן, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז מַיין וַוייבּ זָאל זִיךְ צוּרִיק אָפְּשֶׁערְן אִיר הָאר אַזוֹי וִוי זִי פְּלֶעגְט טוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, הֶעלְף עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִיר אַ רוּחַ

**קְדוּשָׁה, אוּן אוֹיךְ מַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן אַלֶע זַיין הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, אַלֶע זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים".**

**מִיט תְּפִלָּה אוּן סַבְלָנוּת וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען גָאר שֵׁיין.**

...

## לָאז נִישְׁט אָפּ דִי שֵׁיינֶע מִנְהָגִים פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאלְסְט וַוייטֶער טוּן דַיינֶע גוּטֶע מִנְהָגִים; קוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי שֵׁיינֶע מִנְהָגִים וְוי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ. אַז בַּיי עֶנְק אִיז דֶער מִנְהָג צוּ זָאגְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת - זָאלְסְטוּ דָאס וַוייטֶער טוּן, אוּן אוֹיךְ אַז דַיין טַאטֶע פִירְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען בַּיי דִי פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס סְעוּדָה דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ - זָאלְסְטוּ אָנְהַאלְטְן דִי גוּטֶע מִנְהָג.

לָאז נִישְׁט אָפּ דִי שֵׁיינֶע זַאכְן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס אוֹיךְ גֶעטוּן, פֶערְצִיג יָאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעלֶערְנְט יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת סֵפֶר הַקָדוֹשׁ נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ. וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ שַׁבָּת אִין יַבְנְאֵל הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מוֹהֲרָא"שׁ בַּיים עֶסְן דִי פִישׁ, וְוי עֶר הַאלְט אִין הַאנְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר אוּן לֶערְנְט.

הַאלְט אָן דַיינֶע גוּטֶע מִנְהָגִים, וַוארְף נָאר אַוֶועק דִי מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִי עַצְבוּת, נָאר דָאס זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן אוּן זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שַׁבָּת שִׁירָה אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה אוּן פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח-שִׁירָה, שׁוֹבְבִי"ם, ט' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבַּת שִׁירָה אִיז מְסוּגָל פַאר פַּרְנָסָה אוּן פַאר אַלֶע יְשׁוּעוֹת. זָאלְסְט זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט דַיין וַוייבּ, ווייל פַּרְנָסָה קֶען מֶען נָאר הָאבְּן אוֹיבּ מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם אוּן מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סט), עֲשִׁירוּת אוּן פַּרְנָסָה אִיז בִּזְכוּת דִי וַוייבּ.

נִיץ אוֹיס דֶעם שַׁבָּת מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. וֶוען דוּ גֵייסְט צוּם שׁוּל אוּן דוּ קוּמְסְט אַהֵיים פוּן שׁוּל זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן קַיין נַארִישְׁקַייטְן, נִיץ אוֹיס דִי צַייט פַאר תְּפִלּוֹת אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן שִׂמְחָה.

דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. מִיר דַארְפְן זִיךְ לֶערְנֶען, ווִי אַזוֹי וֶוערְט אַ בּוֹים? מֶען נֶעמְט אַ קְלֵיינֶעם קֶערְל אוּן מֶען לֵייגְט דָאס אִין דֶער עֶרְד, דֶער קֶערְל וֶוערְט פַארְפוֹילְט אוּן צוּבִּיסְלִיךְ קוּמֶען אַרוֹיס פוּן אִיר וָוארְצְלֶען בִּיז עֶס וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער בּוֹים, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען גֶעדֶענְקְט (בְּרֵאשִׁית ג, יט): "כִּי עָפָר אַתָּה וְאֶל עָפָר תָּשׁוּב", מֶען קוּמְט פוּן דִי עֶרְד אוּן מֶען וֶועט בַּאלְד דַארְפְן צוּרִיק גֵיין צוּ דִי עֶרְד, מֶען אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ נִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי אַ קְלֵיינֶע קֶערְל וָואס אִיז בַּאדֶעקְט מִיט זַאמְד, מֶען אִיז אַ שָׁכֵן לְעָפָר בְּחַיִּים - אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען וַואקְסְט אַ גְרוֹיסֶע בּוֹים, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

מִיטְוָואךְ נַאכְט זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דָאס גֶעדֶענְקֶען אוֹיף זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. זָאלְסְט מַאכְן אַ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדָה, וַוייז זֵיי דִי ווּאוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי סַאךְ פְרוּכְט, אַלֶע סָארְט, יֶעדֶע פְרִי זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶע פְרִי הָאט אַ בַּאזוּנְדֶער טַעַם, דִי ווּאוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט דִי גֶעבּוּרְטְס טָאג פוּן מוֹהֲרְנַ"תְּ זְכוּתוֹ יָגֵן

עָלֵינוּ, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי צַדִּיקִים וָואס הַאלְטְן אוּנְז בַּיים לֶעבְּן, לָאזְן אוּנְז נִישְׁט פַּאלְן.

מִיר פִּירְן זִיךְ הַיינְט עֶרֶב שַׁבָּת בְּשַׁלַּח צוּ לֵייגְן בְּרֶעקְלֶעךְ פַּאר דִי פֵייגְלֶעךְ, מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם, מֶען מַאכְט מִיט דִי קִינְדֶער אַן עֵסֶק, מֶען לֶערְנְט זֵיי וִוי אִין אַלֶע דוֹרוֹת קוּמֶען דִי לֵצִים אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן דִי צַדִּיקִים. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט עֶס וֶועט נִישְׁט פַּאלְן קֵיין מָן שַׁבָּת, קוּמֶען דִי לֵצִים דָּתָן וַאֲבִירָם אוּן שְׁפְּרֵייטְן אוֹיס בְּרֶעקְלֶעךְ, זֵיי ווִילְן מֶען זָאל זֶען אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ווֵייסְט נִישְׁט, לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען דִי פֵייגְלֶעךְ גֶעקוּמֶען אוּן דָאס אַלֶעס אוֹיפְגֶעגֶעסְן, אַלְס זֵכֶר לֵייגְט מֶען בְּרֶעקְלֶעךְ, צוּ לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן צַדִּיקֵי אֱמֶת.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

# מהדורת ניישטיין

הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות

מוה"ר **דוד ניישטיין** הי"ו

וזוגתו **הינדא ריקל** תחי'

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא.

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון.

בס"ד




IDEA. 8457769664

# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
718-387-2691
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org